וועלט איז פריער וויסט אונ פינצטער גיוועזן · די צוואנציג דורות וואש זיינען גיוועזין פון אדם הראשון ביז אברהם זיינען גיוועזין רשעים איבר דעם זיינן זיי ניט חשוב גיוועזין פר גאט עקשים די פאר קרימטע רשעים האט אברהם גילערינט די זאלין גיין אין רעכטין וועג אונ וייל ער האט גירעט (במה אדע) דאש הייסט ער האט גיוואלט האבין אצייכין פון גאט אויף דעם וואש ער האט אים צו גיזאגט דאש זיינע קינדר וועלין קומען קיין ארץ ישראל מיט די רייד האט ער פר זינדיגט דאס זיינע קינדער האבין גימוזט זיין פיר הונדערט יאר אין גלות מצרים איז שוין אכל שכן דיא רשעים וואש קומען אין דר טיפעניש פון דעם גיהנם וואש זייערע מעשים ווערין גיקלערט אין דין אם אז גאט וועט וועלין מדקדק זיין צו משפטין נאך זייערע מעשים נאך ווער וועט קענען גירעכט בלייבן פר גאט וואש ער איז דר שופט פון דר וועלט יך דר לויטערער דאש איז יצחק וואש ער האט זיך מוסר נפש גיוועזין מיט זיין גאנצין הארצין צו דר עקידה אויף דר עלטר האט ער ניט גיפונן קיין מנוחה די אויגין זיינן טונקיל גיווארן פון דעם רויך וואס מען האט מקריב גיוועזן קרבנות צו דעם אפ גאט זרעו יעקב וואש ער האט זיינע קינדר גימאכט גיוואונן אין דיא גיצעלטין פון תורה אונ וויל ער האט גיזאגט מיינע מעשים טובים זיינן פר בארגין דר מיט האט ער פאר זינדיגט דאש זיין זון יוסף איז פון אים פאר בארגין גיווארין צווייא אונ צוואנציג יאר אונ האט ניט גיוואוסט אויב ער לעבט איז שוין אכל שכן דר רשע וואס ער גראבט זיך אונטער אין בהעלטעניש אונ טוט גנבות אונ אנדרע עבירות דארף ער היילין תשובה אונ צדקה טאן טאמר וועט ער בהיט ווערין אין דעם טאג וואש גאט וועט צארנן · די צוועלף שבטים אז גאט האט גיזוכט

אולי ביום אף יסתר: רעים שנים עשר כהבדיק · בריב אותם לא הצדיק · על מכרם בכסף צדיק: בני בלי שם במכרם עמוסים · בזונה ובין ובשוד חמסים · איך בדין יהיו נעמסים: בהתיצבו לריב בעמדו לדין · על זאת אותם ידין · למען ידעון שדון בדין: ירד אשר הוריד אמרים · והדריר בכור שור מחמורים · ונענש בשמעו נא המורים: יען אשר נוקש בעשר · נחרתו בו מיתות עשר · וכנגע גבול כבל באוסר: ראשיה אשר בשחד ישפוטו · איך בקו צדק ישפטו · כי אם כמו שפטו: רובים עלי איש זרה · פגעה בם באף גזרה · ללמד בם פושעי פזורה: בער חמד מן החרם · ונלכד הוא וכל אשר לו בחרם · מגדיש ועד קמה וכרם: בוגד ושודד מה מועילי הון בעברה לא יועילי · כי אם לחלות פני מלמד להועיל: יד שלה אחוז בארון · נעשה בו משפט וחרון · מה יעשו עוברי כבני מרון: יודע נגן כפין בחנני · נבחן ונאם חנם חנני · ואל תבא במשפט לדינני: קוראי בגרון וקול שופר · אם פשעם

התשובה והצדקה יהלכו לפניו ויקפצו בזריזות לפני הש"י (אולי) ימחול ע הקדוש ב"ה (וביום אף יסתר) (רעים שנים עשר) שנים עשר שבטים שהיו רעים ואחים (כהבדיק) כשבדק הקב"ה מעשיהם לא מצא אותם שלמים (בריב) ובדין שלהם (אותם לא הצדיק על מכרם בכסף צדיק) על שמכרו את יוסף אחיהם הצדיק וא"כ מה אלו שמכרו את יוסף בכסף בדבר שאינו של גנאי נענשו כל שכן רעים שהם (בני בלי שם) הכשדים (במכרם) ישראל הנקראים (עמוסים) מני בשן בדבר של גנאי (בזונה ובין) כמ"ש ויתנו הילד בזונה והילדה מכרו ביין (יואל ד' ג') שנתנו הילד בשכר זונה והילדה בשביל יין (ובשוד חמסים) שגוזלים וחומסים את ישראל (איך בדין יהיו נעמסים) יהיו נסבלים בצער ויסורים על שעשו לבני ישראל (בהתיצבו כו' על זאת אותם ידין) על הגזילות ועל השפיכות דמים (למען ידעו שדון בדין) שהשי"ת דן בדין (ירד אשר הוריד אמרים) משה רבינו שהוריד אמרי תורה (והדריר בכור שור מחמורי') עשה דרור וחפשי את ישראל שנקראו בית יוסף שהוא בכור שור מאחת יד מצרים הנקראים חמורים (ונענש בשמעו נא המורים) ואף על פי כן נענש בדבור מה שאמר לישראל שמעו נא המורים (יען אשר נוקש בעשר) עשר פעמים קרא את ישראל בשם גנאי ולכן (נחרתו בו מיתות עשר) עשר פעמים נכתבו בתורה מיתת מרע"ה (וכנגע גבול) כאשר הנגע בגבול א"י נשבע ה' שלא יכנס וימות בהר כאילו (כבל באוסר) אוסר בכבל רגלו ואם למשה כך (ראשיה אשר בשוחד ישפוטו) דיינים המקבלים שוחד בדין (איך בקו צדק ישפטו) איך ישפטו בצדקה וברחמים (כי אם כמו שפטו) הקב"ה ידין אותם לפי מעשיהם ומשפטיהם (רובים) נדב ואביהוא שהיו ילדים (עלי אש זרה) על שהקריבו לפנים אש זרה (פגעה בם באף גזירה) פושעי ישראל הנקראים שה פזורה יקחו מוסר אם כן באלו כל שכן ברשעים (ללמד בם פושעי פזורה) שמתו (בער חמד מן החרם) עכן בן כרמי שלקח מן החרם שהחרים יהושע (ונלכד כו') ומזה ילמדו כלם (בוגד ושודד מה מועיל · הון בעברה לא יועיל) שום אחד אינו מועיל בעברתו ובזעמו של הקדוש ברוך הוא (כי אם לחלות) פני הקב"ה אשר הוא (מלמד) לחזור בתשובה להועיל לו (יד שלח) עוזא הכהן (אחוז בארון) לאחוז בארון בשמטו הבקר (נעשה בו משפט וחרון) כמ"ש ויחר אף ה' בעוזא ויכהו שם א"כ (מה יעשו) כל באי עולם (עוברי כבני מרון) דוד שהיה (יודע נגן כפין בחנני) כשאמר בחנני ונסני (נבחן) בבת שבע ולא עמד בנסיון (ונאם) ואמר אח"כ (חנם חנני ואל תבא במשפט לדינני) כי לא יצדק במשפט · כן ישראל (קוראי כו' אם פשעם כדין

זייערע מעשים האט ער זיי ניט גירעכט גימאכט אין משפט ווייל זיי האבין פר קויפט יוסף הצדיק פר געלט איז שוין אבל שכן די כשדים וואש האבין קיין גוטין שם דאש זיי האבין פר קויפט די ישראל וואש זיי זיינן באלאדין מיט מצות פר שפייז אונ פר וויין אונ אנדרע גזילות וואש זיי האבין גיטאן צוא די ישראל וויא פיל יסורים וועלין זיי מוזין לידין לעתיד לבא אז גאט וועט זיי משפטין אויף זייערע מעשים רעים כדי זייא זאלין ווישין אז גאטש דין איז אמת ירד דאש איז משה רבינו וואש ער האט גימאכט אראפ נידערין דיא תורה אונ האט פריי גימאכט די ישראל וואש ווערין אן גירופין (בכור שור) פון די מצרים וואש ווערין אן גרופין (המורים) איז ער גישטראפט גיווארן ווייל ער האט גיזאגט צו די ישראל (שמעו נא המורים) יען ווייל ער האט גשטרוכילט מיט צעהען ווערטר דאס ער האט די ישראל צעהען מאל ניט שיין אן גירופין איבר דעם שטייט די מיתה פון משה רבינו צעהן מאל גישריבין אין דר תורה אונ אז ער איז גיקומן ניט ווייט פון דעם גרענעץ פון ארץ ישראל איז ער גיבונדין גיווארן מיט קייטן ער זאל ניט קומען קיין ארץ ישראל אונ האט גמוזט שטארבן אין דר מדבר איז שוין אבל שכן אנדרע לייט וואש משפטין דורך שוחד וויא זאלין זיי גימשפט ווערין מיט דעם שנור פון משפט מען וועט זיי ניט אנדערש משפטין נאר אזו וויא זיי האבין גימשפט · רובים די יונגע לייט נדב ואביהוא די קינדר פון אהרן ווייל זיי האבין פרעמדע פייער אריין גיבראכט אין משכן האט זייא נאטש גזירה בגעגינט מיט צארין דאש זייא זיינען פאר ברענט גיווארן די שלעכטע פון ישראל זאלין זיך פון זייא אפ לערנן וואש פר

אין עונש אויף זייא קען קומען ווען זיי זינדיגן · בער דער נארעשער מענטש עכן ער האט גילושט צוא נעמן פון חרם וואש יהושע האט פחרים גיוועזין האט מען גורל גיווארפן אונ דר גורל איז אויף אים גיפאלין האט מען אים פר ברענט מיט זיין גאנץ פר מעג מיט זיין תבואה אונ מיט זיינע ויין גערטנר · וואש קען שוין זיך העלפן דר רשע אונ דר גזלן אז גאט וועט אויף אים צארינן וועט אים זיין געלט גאר ניט העלפין ניט מיין נאר צוא גאט בעטין צוא גאט דער דא לערינט צו גוטין יד אז עוזא הכהן האט אוים גישטרעקט זיין האנט אונ האט אן גירירט אין ארון הקודש וואש די לוחות זיינן אין אים גילעגין תאטשע זיין כוונה איז צו גוטין גיוועזין איז ער באלד גישטארבן וואש קענן שוין טאן די מענטשין וואש זיינן גיגליכן צו די יונגע שאף אונ טוען עבירות במזיד יודע נגן דוד המלך וואש ער האט גיקאנט שפילין אויף אלערלייא כלי זמר אז ער האט גירעט פאר גאט פרוב מיך אזוא וויא דוא האסט גיפרובט אברהם אבינו וועסטו זעהן אז איך בין אויך אזו פרום וויא ער האט אים גאט צו גשיקט די מעשה פון בת שבע איז דוד ניט בשטאנן אויף דעם נסיון האט ער דר נאך גיזאגט צו גאט זאלסטו זיך אויף מיר אום זיסט דער בארעמן אונ זאלסט מיך ניט משפטן ווארום איך וועל גיוויס אום גירעכט בלייבין קוראי די ישראל וואס שרייען מיט זייער האלז אונ בלאזין שופר אז זייערע זינד וועלין אין דין דר ציילט ווערין זאלסטו זיי שיינקען אונ זאלסט זייא מוחל זיין זייערע עבירות אזו וויא דו האסט מוחל גיוועזין צוא דוד המלך: קציו דר מלך שחדהו אז ער איז האפרדית גיווארן צריין צו גיין מיט די קטורת אין בית המקדש גליך ווי ער וואלט

בְּדִין יְסֻפַּר · בְּמַתְּנַת חִנָּם הַיּוֹם יְכֻפַּר: קָצִין כְּגָאֳה לְקַטֵּר לְשֵׁם · נֶגַע בְּמִצְחוֹ זָרַח לְהַרְשֵׁם · וְנִשְׁפָּט בְּלֹא יָדַע וְאָשֵׁם: לְעֵת תָּמוּט רֶגֶל זֵדִים · אֲשֶׁר בָּאוּ לְהֵיכָל מְזִידִים · יִשָּׁפְטוּ בְּמַבְגִּיעַ זֵדִים: לְעֵת יְבֻקְּרוּ פּוֹעֲלֵי שֶׁקֶר · לְהִשָּׁפֵט בְּבוֹכוּחַ אַף וָחֵקֶר · יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי שָׁקֶר: יָשָׁר מִתְהַלֵּךְ לְפָנָיו בֶּאֱמֶת · אֵיךְ אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת · חִשֵּׁב פָּעֳלוֹ אֱלֹהִים אֱמֶת: יְדִיד אֲשֶׁר לְפָנָיו וְאַחֲרָיו · לֹא קָם כָּמוֹהוּ בִּבְחִירָיו · וְאַחֲרֵי כָל זֹאת דִּקְדֵּק אַחֲרָיו: יָבִינוּ כָּל יְצוּרֵי אֶרֶץ · אִם כַּךְ בִּמְצוּקֵי אֶרֶץ · מַה יַּעֲשׂוּ רִשְׁעֵי אֶרֶץ: רָאֹה יִרְאוּ יַעֲרֵי שִׂיחִים · אִם אֵשׁ אָחֲזָה בַלַּחִים · אָז יָנוּעוּ יְבֵשִׁים כְּסוּחִים: רְאֵה כִּי אֵין אִישׁ לְהַפְגִּיעַ בְּעַד בְּנֵי אִישׁ · וְאַתָּה אֵל וְלֹא אִישׁ: חזן רָשׁוּם בִּכְתָב אֱמֶת אֲשַׁנְּנָה · מַעֲשֵׂה כָּל יְמוֹת הַשָּׁנָה · לְרַצּוֹתְךָ בַּשּׁוֹפָר (בשבת אומרים בְּזִכְרוֹן שׁוֹפָר) בְּזֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

אִם לֹא לְמַעֲנוֹ יַעַשׂ · וְיָסִיר כְּנוּ חֲרוֹן אַף וָכַעַס · אֵין לְבַקֵּר וְלִמְצוֹא מַעַשׂ · קָדוֹשׁ:

יספר) בקשתו (במתנת חנם היום יכפר) כמו שעשית לדוד המע"ה (קצין כגאה) עוזיה המלך שנתגאה ואמר אני מלך ודאוי (לקטר לשם) נאה למלך לשרת למלך (נגע במצחו זרח להרשם) צרעת נראת במצחו שיהא דופיו ניכרת ונרשמת ואע"פ שעשה תשב שהמלך כשר לעבודה (ונשפט בלא ידע) שאסור לו לעבוד (ואשם) והכיר בעונו שאשם שנאמר וגם הוא נדחף לצאת כי נגעו ה' ואם כן כ"ש (לעת תמוט רגל זדים) כשיבוא העת שימוטו רגלי רשעים (אשר באו להיכל מזידים ישפטו במבגיע זדים) ישפטו ע"י התפלה שאנו מתפללים לפניך שוכר אויבים ומכניע זדים (לעת יבוקרו פועלי שקר) כשיבוא העת שיוחקרו רשעים הפועלים שקר (להשפט בוכוח אף וחקר) שיהוכח עמהם בחרון אפו וירצה לחקור עד עומק הדין אז (יסכר פי דוברי שקר) שלא יפתחו עוד און (ישר) חזקיה המלך (מתהלך לפניו באמת) שאמר זכר נא אשר התהלכתי לפניך באמת · והנה אף שלבו היה שלם עם הקדוש ברוך הוא · ראו איך דקדק הקדוש ברוך הוא עמו שנאמר (אחרי הדברים והאמת) האלה בא סנחריב (חשב פעלו) דקדק במעשיו (אלהים אמת) (ידיד) יאשיהו המלך (אשר לפניו ואחריו לא קם כמוהו בבחיריו) במלכים שנבחרו להיות מלכים (ואחרי כל זאת דקדק אחריו) הקדוש ברוך הוא בדינו על שעבדו דורו מתחלה עבודת כוכבים ועלה עליו פרעה נכה ועשה לו יצורים קשים דכתיב ויורו המורים למלך יאשיהו (דברי הימים ב' ל"ה כ"ג) (יבינו כל יצורי ארץ אם כך) דקדק הקדוש ברוך הוא (במצוקי ארץ) בצדיקים שהם יסודי הארץ (מה כו' אם אש אחזה בלחים) בצדיקים (אז ינועו כו') כ"ש שינועו ויפחדו הרשעים · ואתה אתה ה' (ראה כי אין איש) צדיק בדורנו (להפגיע) להתפלל (בעד בני) אבות שכ"א נקרא איש (ואתה אל ולא איש) היה מלין בעדנו ואתר שאין איש (רשום בכתב ס' השנה) אספר בעלמי מעשה של כל ימות השנה שהם כתובים ורשומים לפניך בכתב אמה שאין כל אחד יכול לכזב כי חותם כל אדם על מעשהו ומודה ונושא ירותם ועוד אני בא (לרצתך) כו':

וּבְכֵן וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ:

פותחין · הארון · בית לוי

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: אֵל דָּר בַּמָּרוֹם · אַדִּיר בַּמָּרוֹם · אוֹמֶץ יָדוֹ תָּרוּם · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: גִּבּוֹר לְהָקִים · גּוֹזֵר וּמֵקִים · גּוֹלֶה עֲמוּקִים · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

(מלך עליון) על כל · (אומץ ידו הרום) ירום ימינו על אויביו ויתגבר אז כשישוב ישראל מבין העו"ג · כי עתה בזמן הזה השיב אחור ימינו (לעדי עד ימלוך) מלכותו לא יכלה (גבור להקים)

(מלך עליון לעדי עד) עד עולם כי הרגותו של עדי עד (ישעי' כו ד) לעלם ולעלמי עלמיא (להקים) כמו לקיים (גולה) כמו

גיוועזן אזהן אנגע צרעת איז אים ארויס גיטראטן אויף זיין שטערן דש זיין חטא איז אן גצייכינט גיווארן האטשע ער האט ניט גיוואוסט אז ער האט ניט גיטארט מקטיר זיין קיין קטורת האט אים נאט דאך שולדיג גמאכט איז שוין אכל שכן אז גאט וועט משפטן די כשדים אין דר צייט אז זייער פוס וועט גליטשין אין גיהנם וואש זיינען מוטווילג גערין אין בית המקדש אריין גנאנגן די וועלין גמשפט ווערין מיט הכנעה · צו דר צייט אז גאט וועט פארשטן די מעשים פון דיא רשעים אז ער וועט זיך מיט זיי מתווכח זיין אונ וועט רעכט אויס קלערין זייער משפט די מיילך פון די פאלש ריידער וועט פר שטאפט ווערן אין דר צייט ידי' דר רעכט פארטיגער דש איז יחזקיהו וואש ער איז באמת גיגאנגן אין גמטש וועג האטשע ער איז אזו גוט אונ פרום גוועזן האט גאט פארט מיט אים מדקדק גיוועזן אונ האט אויך אים אויף גבראכט סנחרב דעם מלך פון אשור מיט אים מלחמה האלטן ידיד דר גליבטר דאש איז יאשיהו וואש צווישין דיא אלע מלכים פון ישראל וואס זיינן פאר אים גיוועזן אונ וואס נאך אים איז זיין גלייכין ניט גיוועזן אין פרומקייט פון דעסט וועגין האט גאט פארט מדקדק גוועזן אין זיין דין אונ ער איז נהרג גווארין פון די פיילן וואש זיי האבין אויף אים גווארפין · דער פון קענין זיך אמוסר געמן אלע מענטשין פון דר וועלט וועזן עש איז אזו דר נאנגן מיט די צדיקים וואש זיי זיינען דיא יסודות פון דר וועלט וואש זאלין שוין טאן די רשעים פון דער ערד · לאזין דאך זעהן די בוימר פון וואלד ווען דאש פייער נעמט אן צו ברענען דיא פייכטע בוימר האבין דיא דארע אונ פר שניטענע העלצר בוודאי מורא דאש איז אמשל ווען גאט שיינקט ניט די צדיקים מכל שכן אז ער וועט די רשעים ניט שיינקן ראה ליבר גאט זעה אז עש איז ניט פר האנדן קיין מענטש דאש ער זאל פר אונז בעטין אבר דו בישט דאך גאט אונ ניט קיין מענטש בעטן מיר דיך זאלשט זיין אונזר מליץ רשום דיא עבירות וואש זיינן מיט אמת אן גישריבן וואש מקאן ניט לייקענן די עבירות דר צייל איך אונ בין זיך היינט מתודה מעשה כל ימות השנה דיא מעשים פון דעם גאנצין יאר לרצותך בשופר צוא באווילגן דיך מיט דעם שופר בזה

אין דעם טאג ראש השנה:

מלך עליון אויבערשטר קיניג אל דר במרום גאט דר דא וואונט אין הימל אדיר במרום ער איז שטארק אין הימל אומץ ידו תרום זיין שטארקע האנט איז דער הויבין צוא איבעגע צייטן וועט ער קיניגן: אייבערשטר קיניג גבור ער איז שטארק מקיים צו זיין זיינע גזירות ער איז נוזר אונ

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: הַמְדַבֵּר בִּצְדָקָה · הַלּוֹבֵשׁ צְדָקָה · הַמַּאֲזִין צְעָקָה · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: זוֹכֵר צוּרִים · זַכּוּת יְצוּרִים · זוֹעֵם צָרִים · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: טוֹב שׁוֹכֵן עַד · טוּבוֹ לָעַד · טִפַּח שְׁמֵי עַד · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: כַּשַּׂלְמָה עוֹטֶה אוֹר · כָּל מְאוֹרֵי אוֹר · כַּבִּיר וְנָאוֹר · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: מֶלֶךְ עוֹלָמִים · מְפַעֲנֵחַ נֶעְלָמִים · מֵשִׂיחַ אִלְּמִים · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: סוֹבֵל הַכֹּל · סָב וּמְבַלֶּה כֹּל · סוֹקֵר הַכֹּל · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: פְּאֵרוֹ עוֹז · פּוֹעַל יְמִינוֹ תָּעוֹז · פּוֹדֶה וּמָעוֹז · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: קְדוֹשָׁיו לַהַב · קוֹרֵא מֵי רַהַב · קָרוֹב לְקוֹרְאָיו בְּאַהַב · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: שֵׁנָה אֵין לְפָנָיו · שֶׁקֶט בִּפְנִינָיו · שֶׁבַח טוֹב בְּמַצְפּוּנָיו · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

בית לוי

(גלם (צורים) תואר להבות ע"ש כי מראש צורים (במדבר כג ט) ת"י בזכות אבהתהון צדיקיא דמתילין לטוריא (טפח שמי עד) ע"ש וימיני טפחה שמים (ישעיה מח יג) (כשלמה מ') ע"ש עוטה אור כשלמה (תהלים קד ב) (כביר) תואר להקב"ה וכמו שנקרא עתיק יומין כן נקרא כביר ימים (ונאור) ג"כ תואר להקב"ה ע"ש נאור אתה אדיר (תהלים עו ה) לשון אור לדעת רהב"ע ורד"ק ולדעת המתרגם ל' נורא שתרגומו את דחיל (מפענח) ל' גלוי כמו צפנת פענח (בראשית מא מה) (נעלמים) סיינו דברים הנעלמים והנסתרים (סובל) מל' טעינת משא כמו אני אסבול (ישעיה מו ד) (סב) ל' זקנה ושיבה (סוקר) ל' צופה ול' הרמי הוא (להב) להב אש (קורא מי רהב) ע"ש הקורא למי הים וישפכם (עמוס ה ח וט) כי שר של ים רהב שמו ע"ש שנטבעו בו המצרים שנקראו רהבים (תהלים מ ה) וה'קורא ומצוה אליו והסר זדון בשליחותו (שקט) ל' שלום ושלוה (בפניניו) ל' פנים והוא ע"ד עושה שלום במרומיו (במצפוניו) ל' צפון ונסתר כמו נבעו מצפוניו (עובדיה א ו) ותרגומו תליין מטמרוהי:

מטה לוי

גמול לקיים גזירותיו (זוכר צורים) זכות יצורים) זכר האבות לזכות כל יצורים (זועם צרים) זועם וכועס על צרי ישראל (טוב שוכן עד) הקדוש ברוך הוא הוא טוב ושוכן לעולם (טובו לעד) טובו על עולמי עד (טפח שמי עד) השמים העומדים לעולם מדד בטפח (כשלמה עוטה אור) מלביש את העולם באור כשלמה המעטף גוף האדם (כל מאורי אור) כל המאורות מאירים ממנו (מפענח נעלמים) מגלה דברים הנעלמים (משיח אלמים) מרפא אותם שיוכלו לדבר (סב ומבלה כל) אף שנקרא זקן כמ"ש ועתיק יומין (דניאל ז' ט') אעפ"כ מבלה הכל שהכל בלה וכלה והוא חי וקים לעולם (סוקר הכל) רואה הכל (פארו עוז) כמ"ש עוז ותפארת במקדשו (פועל ימינו תעוז) בהמ"ק הוא פעלתו כמ"ש מקדש אדני כוננו ידיך (קדושיו) מלאכיו (להב) להב אש (שקט בפניניו) השקט ושלום במלאכיו שהם לפני ולפנים וזהו (שבח טוב) וגדול שים שלום (במצפוניו) במלאכיו הצפונים וסמונים מאיתנו:

סורין האחן

מֶלֶךְ אֶבְיוֹן בָּלֶה וְיֹרֵד שַׁחַת · בִּשְׁאוֹל וּבְתַחַת · בְּלָאוֹת בְּלִי נַחַת · עַד מָתַי יִמְלוֹךְ:

מֶלֶךְ אֶבְיוֹן תְּנוּמָה תְעוֹפְפֶנּוּ · תַּרְדֵּמָה תְעוֹפְפֶנּוּ · תֹּהוּ יְשׁוּפֶנּוּ · עַד מָתַי יִמְלוֹךְ:

(בליאות) ל' עייפות ויגיעה כמו הלאות אנשים (ישעיה ז' יג) (תעופפנו) ל' חושך כמו עושה שחר עיפה (עמוס ד יג) (תעופפנו) לשון מהירות כעוף, ששט ופורח במהירות (ישופנו) לשון חושך מלשון אך חושך ישופני (תהלים קלט יא):

(מלך אבית) · הוא האדם אשר המשילו ה' אלהים על מעשי ידיו על הארץ וכל שת תחת רגליו (בליאות) בעייפות ויגיעה בלי מנוח נחת (תנומה תעופפנו) תחשיך עליו תנומה (תרדמה תעופפנו) תרדמה תעופף עליו במהירות:

איז מקיים ער דעקט אויף טיפע זאכן צו אייביגע צייטן וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג המדבר דער דא רעט מיט צדקה · דער דא קליידט אן צדקה דער דא פאר נעמט דאש גשריא צוא אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג זוכר דער דא גידיינקט די אבות גירעכט צו מאכן זיינע בשעפעניש אין זייער זכות ער צארינט אויף דיא רשעים · צוא אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג טוב ער איז גוט ער רועט צוא אייביג זיין גוטש איז צו אייביג ער האט גמאסטן די הימיל וואש זיינן צו אייביג צו אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג כשלמה ער איז אין גיהילט מיט ליכט וויא מיט אקלייד אלע ליכט לייכטין פון אים ער איז שטארק אונ ליכטיג צו אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג מלך ער איז דר מלך פון אלע וועלטין ער דעקט אויף די בהעלטענע זאכין ער מאכט רידין דיא שטומע צו אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג סובל ער טראגט אלשדינג תאטשע ער איז אלט לעבט ער פארט איבער אלע זאכין ער זעט אלשדינג צו אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג פארו זיין שוינהייט איז שטארק די ווערק פון זיין רעכטע האנט דאש איז דר בית המקדש זאל גישטארקט ווערין ער איז אדערלייזער אונ איז שטארק צו אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג קדושיו זיינע הייליגע מלאכים זיינן פלאם פייער ער האט גיטאן רופין די וואשר פון דעם ים זייא זאלין זיך שפאלטין צוא דר טרינקן די מצרים וואש ווערין גירופין רהבים קרוב ער איז נאהענט צוא דיא וואש רופין אים מיט ליבשאפט צוא אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: אויבערשטער קיניג שנה קיין שלאף איז ניט פר אים שקט עש איז שלום צווישין זיינע מלאכים דאש איז פאר אים אגוטע לויב וואש דיא מלאכים בהאלטין זיך זייא זאלין ניט זעהן די שכינה צו אייביגע צייטין וועט ער קיניגן: מלך אביון דר מענטש ער ווערט פר לענגט אונ נידערט

הזורין ופותחין סיד

אֲבָל מֶלֶךְ עֶלְיוֹן: תָּקְפּוֹ לָעַד · תִּפְאַרְתּוֹ עֲדֵי עַד · תְּהִלָּתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד · לַעֲדֵי עַד יִמְלוֹךְ:

אין גרוב אריין אונטן אין גרוב מיט מדינקייט און אן נחת: מלך אביון דר מענטש אדרעמלונג מאכט אים פינצטר אשלאף שוועבט אויף אים די ווייטונג מאכט אים צוא שטויסן :

אבל אבער דער אויבערשטער מלך זיין שטארקייט איז צוא אייביג זיין שיינהייט איז צוא אייביג זיין לויב שטייט צוא אייביג צוא אייביג וועט ער קיניגן :

מעשה דר' אמנון זל

מעשה געשאך אן איינעם קעסטליכן רב דער האט גהייסן רבי אמנון דער ער גאר וואול געהאלטן אין דאש (הגמונים) הויף אין מאינץ דען ער וואר איין קעסטליכר מאן אין אלע זאכן אין לערנען אין עשירות און וואר איין מיוחס ער וואר איין גרויסר חכם ער האט אלע קעסטליכע מעלות אן זיך אויך איז ער געוועזן איין גרויסר תלמיד חכם און אצדיק און דרום וואר ער גאר וואול געהאלטן ביי אלע שרים און גראפן פירשטן און הערן און זייא האבן אים גאר ליב און זייא האבן אים אלע גאר גערן גהאט און דאך וואר זיין גלייכן ניט מיט פרומקייט · איין מאל טרעפט זיך דאש ער אין הויף ביי דעם הגמון וואר דא האבן די שרים געזאגט צו ר' אמנון אונזר גנעדיגר פירשט וויל דיך צו איין ראט הער מאכן דען ער האט דיך גאר ליב און מיר האבן שוין איניגע מאל מיט דעם פירשט דר פון גירעט ער זאל דיך צו עהרן ברייגען דא האט ער אונז געענטפערט ווען דו דיך בוקן וועסט און וועסט זיין גלויבן אן נעמן זוא וועט ער דיך צום גרויסן עהרן ברייגן דרום בעטן מיר דיך בוק דיך דאך איין מאל דא וואלט זיי ר' אמנון קיין ענטפער געבן איין מאל שפראך דר הגמון זעלברט ווידר צו אים ער זאל זיך בוקן דא וויל ער דעם הגמון אויך ניט הערן דאס געווערט טאג אויף טאג אבר ער וויל אים ניט צו הערן איין מאל אויף איין טאג דא וואר דר הגמון אן דעם ר' אמנון זייער שטארק גיבעטין דאס ער זאל זיך דאך בוקן · וויא דר הגמון האט אים זייער שטארק געבעטן האט רבי אמנון געזאגט צו דעם הגמון איך וויל מיך דרויף בזינען און איך וויל אייער פירשטליך חסד ביז דריי טעג איין ענטפער זאגן · אבר ער טוט עס ווייל ער האט געמיינט דר מיט אפ צו פאטערין פון זיך דעם הגמון כדי ער זאל האבן רואונג פון דעם הגמון · און וויא רבי אמנון איז ארויס גגאנגען פון דעם הגמון האט ער זיך בדאכט וואס האט ער דא גטאן דאס ער זעלבעס ווערטר געענטפערט דעם הגמון אז ער וועט זיך בזינען אויב ער וועט זיך בוקן אדר ניט הייסט דאש איין ספק און חס ושלום זיין אמונה צו שטעלן אויף איין ספק · איז אים זייער שווער געווארן אויף זיין הארצין און איז גגאנגען אהיים זייער טרויעריג און וואר זייער באטריבט און וויל זיך ניט טרייסטן לאזן · זיין ווייב · עגט אים וואש די אורזאך איז מיט אים דען עס וואר ניט זיין סדר דאש ער זאל אזו טרויעריג זיין אבער ער וויל זיין הויז גיזינד ניט זאגין נאר ער וויינט זייער און שפראך איך וועל גידרעין טרויעריג אין גרוב און האט זייער שטארק גיוויינט · און וויא עס איז גקומען דר דריטער טאג אזו שיקט דער הגמון נאך רבי אמנון דאס ער זאל זאגן ווי ער האט זיך בזינען דא ענטפערט רבי אמנון איך וועל ניט קומן און אויך האט ער ניט מיט מיר וואס צו טאן דא שיקט דער הגמון דרייא מאל נאך אנאנד נאך אים אבר ער וויל דאך ניט קומן אזו לאזט דר הגמון דעם צדיק מיט געוואלט ברייגען צו זיך ווי רבי אמנון איז צו דעם הגמון גבראכט געווארין דא זאגט דער הגמון צו רבי אמנון וואש האשטו גימיינט דער מיט דאס איך דרייא מאל נאך דיר גשיקט האב און דוא האסט ניט

בעל המחבר ונתנה תוקף

געוואלט קומן און דו האסט דאך מיר צו גזאגט נאך דריי טעג איין ענטפער צו געבן דרום בגער איך היינט דיזין טאג פון דיר איין ענטפר אויף דיא זאך וואש איך האב פון דיר בגערט · האט אים דר צדיק געענטפערט איך וועל אייך קיין אנטוואורט געבן אויף דיא זאך וואס איר פון מיר האט בגערט · און ווייל איך האב גירעט מיט איין אום בזיתן טייל און האב גשפראכן איך וועל מיך דריי טעג בזינן דש איז גלייך אזו ווי איך וואלט מיין גלויבן פר לייקנט דרום וויל איך מיין פסק זעלברט איבר מיר געבן פון דעם ווארט וועגן דאס איך האב גרעט איך וועל מיך בזינן אזו זאל מען מיר מיין צונג אפ שניידן וואס האט עס גירעט דען דר רבי אמנון האט בגערט תשובה צו טאן און האט גיוואלט מקדש השם זיין דא זאגט דער הגמון דעם פסק דאס דו אליין האשט אויס גשפראכן דאש גייט מיר ניט אין מיין קאפ דען דאס איז מיר צוא ווייניג דען דער צונג וואס האט דאס ווארט גרעט האט אמת גזאגט אבער די פיס די ניט צו מיר גקומן זיינן די זאל מען דיר אפ האקן און די אנדרע גלידר פון דיין לייב די וועל איך אויך פייניגן · און ער לאזט אים אפ שניידן זיינע הענד און זיינע פיס · דא זאגט רבי אמנון פייניגט מיך בעסער דען איך האב עס אלעס פאר דינט מיט מיינע ווארטן וואס איך האב גרעט · דא גיבט דר הגמון מען זאל אים אין איין בעט לייגן און זיינע גלידר לעבן אים און מען זאל אים אהיים אין זיין הויז שיקן איז גלייך גישעהען און וויא אים זיין ווייב און קינדר זעהן אזו טרייבין זיי אגרויס יאמער וויא איר נון וואול דיינקען קאנט וואש עס זיי בעוונותינו הרבים צוא גקומען · דא זאגט רבי אמנון ווידער זיין ווייב און קינדער ליבם ווייב איך האב זעלבסט פאר דינט וויא עס מיר דער גאנגען איז דען איך האב חס ושלום מיין אמונה וועלין פר לייקנען אבר איך האף צו השם יתברך איך וויל מיינע זינד אויף דיזער וועלט ליידין דאס איך חלק לעולם הבא וועל האבן : נון עס קאם קורץ דר נאך ראש השנה דא בעט רבי אמנון מען זאל אים מיט דאס בעט אין דער היליגע שול טראגין און מען זאל אים שטעלין לעבין דעם חזן אלזו וואר ער אין דר שול גטראגין און וואר גשטעלט לעבין דעם חזן און וויא נון דער חזן צו מוסף אן דר קדושה האלט דא שפראך דר צדיק ווידר דעם חזן האלט שטיל איך וויל מקדש השם זיין איי איך וועל שטארבן און הייבט אן צו זאגין ובכן ולך תעלה קדושה דאס מיר נאך אלע יאר אן ראש השנה און יום כפור זאגין · און דר נאך זאגט ער ונתנה תוקף קדושת היום און וויא ער נון אלם אויס גזאגט האט · דא האט אים הקב״ה אוועק גינומען צוא אנדרע צדיקים אין דעם גן עדן און אן דריטן טאג דר נאך קאם ער בייא נאכט אין חלום צו זיינעם רבי (ר' קלונימוס בן רבינו משולם) און בעט אים ער זאל דעם ונתנה תוקף דען ער גמאכט האט אין אלע ערטר אוועק שיקן וואו בני ישראל זיצן אלזו טוט ער עס דרום זאגן מיר אין אלע ערטר אין ראש השנה און יום כפור דעם ונתנה תוקף פון זיינט וועגן · הקב״ה זאל אונז דעם זכות פון דעם פרומן צדיק לאזין גיניסן :

וּבְכֵן וּלְךָ תַעֲלֶה קְדוּשָּׁה כִּי אַתָּה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ:

וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף קְדֻשַּׁת הַיּוֹם · כִּי הוּא נוֹרָא וְאָיוֹם · וּבוֹ תִנַּשֵּׂא מַלְכוּתֶךָ ·

ונתנה און מיר וועלן דר ציילן די שטארקע היליקייט פון דעם טאג דען ער איז פארכטיג און שרעקליך און אין דעם טאג ווערט דר הויבן דיין

וְיִכּוֹן בְּחֶסֶד כִּסְאֶךָ · וְתֵשֵׁב עָלָיו בֶּאֱמֶת: אֱמֶת כִּי אַתָּה הוּא דַיָּן וּמוֹכִיחַ וְיוֹדֵעַ וָעֵד · וְכוֹתֵב וְחוֹתֵם (וְסוֹפֵר וּמוֹנֶה) · וְתִזְכּוֹר כָּל הַנִּשְׁכָּחוֹת וְתִפְתַּח אֶת סֵפֶר הַזִּכְרוֹנוֹת · וּמֵאֵלָיו יִקָּרֵא · וְחוֹתָם יַד כָּל אָדָם בּוֹ · וּבְשׁוֹפָר גָּדוֹל יִתָּקַע · וְקוֹל דְּמָמָה דַקָּה יִשָּׁמַע · וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן · וְחִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן · וְיֹאמְרוּ הִנֵּה יוֹם הַדִּין · לִפְקוֹד עַל צְבָא מָרוֹם בַּדִּין · כִּי לֹא יִזְכּוּ בְעֵינֶיךָ בַּדִּין · וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן: כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ · כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפּוֹר וְתִמְנֶה וְתִפְקוֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי · וְתַחְתּוֹךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ · וְתִכְתּוֹב אֶת גְּזַר דִּינָם:

בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן · וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן · כַּמָּה יַעַבְרוּן · וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן · מִי יִחְיֶה · וּמִי יָמוּת · מִי בְקִצּוֹ · וּמִי לֹא בְקִצּוֹ · מִי בַמַּיִם · וּמִי בָאֵשׁ · מִי בַחֶרֶב · וּמִי בַחַיָּה · מִי בָרָעָב · וּמִי בַצָּמָא · מִי בָרַעַשׁ · וּמִי בַמַּגֵּפָה · מִי בַחֲנִיקָה · וּמִי בַסְּקִילָה: מִי יָנוּחַ · וּמִי יָנוּעַ · מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף · מִי יִשָּׁלֵו וּמִי יִתְיַסָּר · מִי יֵעָנִי וּמִי יֵעָשֵׁר · מִי יִשָּׁפֵל וּמִי יָרוּם:

בית לוי

(ונתנה) ל׳ כפור ודבור כמו שם יתנו צדקות ה׳ (שופטים ה׳ י״א) (וקול דממה דקה) לכ״כ (מ״א יט ג) ופירש״י קול הבא מתוך הדממה ואין שומעין הקול ממש · וי״מ קל דמשכחין נתשאי (וחיל) לשון רתת כמו חיל אחז ות״א רתיתא (שמות טו יד) (מרון) ל׳ צאן כי על כבשים תרגומו אמריא (כבקרת רועה עדרו) ל״ס (יחזקאל לד ב׳) (בקצו) ל׳ קץ ר״ל בעתו ובקצו וזמנו (יטרף) ל׳ טירוף

מטה לוי

(ונתנה תוקף קדושת היום) ומספר תקפו וגבורתו של קדושת יום זה · ומה היא קדושתו (שהוא נורא ואיום) ובו תנשא מלכותך על ידי ישראל שאומרים לפניך מלכיות זכרונות ושופרות תנשא מלכותך (וכותב וחותם) יחידי ואין מי שחותם עמו (ותזכור כל הנשכחות) כי אין שכחה לפניך (ותפתח את ספר הזכרונות) כמ״ש רז״ל ג׳ ספרים נפתחים כו׳ (ובשופר גדול יתקע) שכשמקבלים ישראל עליהם את חודש תשרי אומר הקב״ה למלאכים העמידו בימה ויושב לשפט ותוקעים בשופר לסימן שהיום ר״ה ויתאספו כולם לדין (וקול דממה כו׳) הוד קולו של הקב״ה ישמע שכולם שותקים ומשתיקים את העולם כדי להשמיע דבריו של הקב״ה כביכול (וחיל ורעדה יאחזון) מאימת קול דממה שיוצא מפי הקב״ה ואומרים אולי היום (יום הדין) של עתיד (לפקוד על צבא מרום בדין) כמ״ש והיה ביום ההוא יפקוד ה׳ על צבא המרום במרום (ישעיה כ״ד) (כי לא יזכו בעיניך בדין) כמ״ש ושמים לא זכו בעיניו אפילו מלאכי שמים (וכל באי עולם) גם בני אדם (יעברון לפניך) אך אינו דן את העולם בכלל אלא (כבני מרון) כבני צאן שעוברים זה אחר זה ודן אותם בהשגחה פרטית (כבקרת רועה עדרו) כמו שמבקר ומונה הרועה את עדרו (מעביר צאנו כו׳) ומעביר אותם תחת שבטו (ותחתוך קצבה לכל בריותיך) מכל דבר הן מזונות הן משאר צרכים (כמה יעברון) מן העולם הן הנולדים הן במעי אמן (וכמה יבראון) בעולם וזהו דרך כללי ובדרך פרט (מי יחיה ומי ימות) כזו הבנה (מי בקצו) שימלא שנותיו לפי טבעו שנולד בו (ומי לא בקצו) שהעון גורם למות בלא זמנו (מי ברעש) שימות בידי שמים מברד ומברקים (ומי במגפה) ממיתת מלאך המות (מי ינוח) במקומו (ומי ינוע) ממקום למקום (מי ישקט) מי שיש בהשקט מן הבריות (ומי יטרף) מאחרים המטרפים דעתו ולבו (מי ישלו) בבריאת גופו (ומי יתיסר) ביסורים (מי ירום)

דיין קיניגרייך אונ עש ווערט אן גיברייט דיין שטול מיט חסד אונ דוא זיצט אויף דעם שטול מיט אמת· דאס איז אמת דאס דו ביסט אדין אונ אשטראפר אונ דוא ווייסט אלס דינג אונ ביסט אליין איין עדות דוא שרייבשט אליין אונ טוסט אליין חתמנן אונ ציילסט אונ רעכינסט אונ דו גידיינקשט אלע פר געסנע זאכין אונ דו עפינשט דאש ספר הזכרונות אונ פון זיך זעלבערט אליין ווערט עש גלייענט אונ דיא חתימה פון איטליכין מענטשין איז אין דעם ספר ובשופר אונ מיט אגרויסין שופר בלאזט מען אין היטל אונ איין שטיל קול ווערט גהערט פון גאט אונ די מלאכים היילן צו טאן גאטש שליחות אונ עש נעמט זיי אן אציטרניש אונ אדרשרעקניש אונ זאגין דאש איז דר יום הדין צוא משפטין אלע דיא הערשר וואש זיינן אין היטל מיט דין דען זיי וועלין ניט גרעכט בלייבין אין דיינע אויגין אין דין דרום האבן זיא גרויש פחד אונ אלע די דא קומן אויף דר וועלט טוען איבר פארין פאר דיר אזו וויא יונגע שאף: כבקרת אזו וויא דר פאסטוך פארשט זיין שטאדע טוט ער איבר פירן זיינע שאף אונטר זיין רוט כדי ער זאל פירשין וויפיל שאף זיינן פר האנדין אזו אויך דו גאט דו מאכשט איבר פירן אונ ציילשט אונ רעכינשט אונ גדיינקסט דאש נפש פון אלע בשעפניש אונ דו שניידשט אפ אגיזעץ צו אלע דיינע בשעפניש וואש זיי דארפן פרנסה אדער אנדערע זאכין אונ דו שרייבשט זייער גזר דין:

בראש השנה אום ראש השנה ווערן זיי אן גשריבן אונ אום יום כפור ווערן זיי גיחתמת וויפיל זאלן איבר פארן פון דר וועלט אונ וויפיל זאלין בשאפין ווערין ווער עש זאל לעבין אונ ווער עש זאל שטארבן ווער עש זאל זיינע יארין אויש לעבין אונ ווער עש זאל זיינע יארין ניט אויס לעבין ווער עש זאל שטארבין אין וואסר אונ ווער עס זאל שטארבין אין פייער ווער עס זאל נהרג ווערין דורך דעם שווערד אונ ווער עס זאל אום קומן דורך אחיה ווער עס זאל שטארבין אין הונגער אונ ווער עס זאל אום קומן פר דארשט ווער עש זאל אום קומן אין שטורעם אונ ווער עס זאל שטארבין אין מגפה ווער עס זאל דר ווארגין ווערין אונ ווער עש זאל פר שטיינט ווערין ווער עס זאל רוען אונ ווער עס זאל זיין נע ונד ווער עס זאל זיין גישטילט אונ ווער עס זאל זיין פר צוקט דאס מיינט מען אנדרע זאלין אזועק נעמן זיין געלט ווער עש זאל האבין שלוה אונ זאל גיזונט אונ שטארק

מָמוֹן   קוֹל   צוֹם

וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה

מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה:

פי׳ כִּי כְּשִׁמְךָ כֵּן תְּהִלָּתֶךָ · קָשֶׁה לִכְעוֹס וְנוֹחַ לִרְצוֹת · כִּי לֹא תַחְפּוֹץ בְּמוֹת הַמֵּת · כִּי אִם בְּשׁוּבוֹ מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה · וְעַד יוֹם מוֹתוֹ תְּחַכֶּה לוֹ אִם יָשׁוּב מִיַּד תְּקַבְּלוֹ: חזן אֱמֶת כִּי אַתָּה הוּא יוֹצְרָם · וְאַתָּה יוֹדֵעַ יִצְרָם כִּי הֵם בָּשָׂר וָדָם: אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר וְסוֹפוֹ לֶעָפָר · בְּנַפְשׁוֹ יָבִיא לַחְמוֹ · מָשׁוּל כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר · כְּחָצִיר יָבֵשׁ וּכְצִיץ נוֹבֵל · כְּצֵל עוֹבֵר וּכְעָנָן כָּלֶה · וּכְרוּחַ נוֹשָׁבֶת · וּכְאָבָק פּוֹרֵחַ · וְכַחֲלוֹם יָעוּף:

וְאַתָּה הוּא מֶלֶךְ אֵל חַי וְקַיָּם:

אֵין קִצְבָה לִשְׁנוֹתֶיךָ · וְאֵין קֵץ לְאוֹרֶךְ יָמֶיךָ · וְאֵין לְשַׁעֵר מַרְכְּבוֹת כְּבוֹדֶךָ · וְאֵין לְפָרֵשׁ עֵלוּם שְׁמֶךָ · שִׁמְךָ נָאֶה לְךָ · וְאַתָּה נָאֶה לִשְׁמֶךָ · וּשְׁמֵנוּ קָרָאתָ בִּשְׁמֶךָ:

עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ · וְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ עַל מַקְדִּישֵׁי שְׁמֶךָ · בַּעֲבוּר כְּבוֹד

מטה לוי

במעלה וחשיבות: (ותשובה) כו׳ ג׳ דברים הללו (מעבירין את רוע הגזרה) מן האדם: (כי כשמך) שם של הוי״ה שהוא מורה על מדת הרחמים (כן תהלתך) שאתה אל רחום וחנון (קשה לכעוס) שאתה ארך אפים ואף לאחר הכעס אתה (נוח לרצות) (כי לא תחפוץ) אפילו (במות המת) במיתת הרשעים שבחייהם קרואים מתים (כי אם) בזה אתה חפץ (בשובו כו׳) · (ועד יום מותו תחכה לו) אפילו היה רשע כל ימיו (אם ישוב יום אחד לפני מיתתו (מיד תקבלו) (אמת כו׳ ויודע יצרם) מי ששב בכל לבו כי אתה יצרת חדרי לבבו (כי הם בשר ודם) והם גורמין להחטיאו (וסופו לעפר) ואוהו מעט שהוא חי (בנפשו) בסכנת נפשו יביא לחמו · (משול כחרס הנשבר) שאין לו תקנה אחר שבירה (כחציר יבש) כעשב יבש (וכציץ נובל) כפרח שהוא כמוש ונרקב (וכצל עובר) ולא כצל אילן שהוא עומד לשעתו אלא כצל של עוף הפורח שהוא עובר (וכחלום יעוף) שהוא פורח ולא ימצאהו · ואם האדם הוא כלא חשוב בחייו ובמותו לכן בקשתנו רחם נא עליו כל ימי חיי הבלו שהם מעט ורעים (ואתה הוא מלך אל חי וקים) לעולם וא״כ אם חטאתי מה אפעל לך · (ואין לשער) כמה מלאכים הם (מרכבות כבודך) (ואין לפרש עלום שמך) שלא ניתן לפרש ברבים כמ״ש זה שמי לעלם חסר וא״ו (שמך נאה לך) לא כמו ב״ו שמשבחים אותו ואין בו אבל לך יש יותר ממה שמשבחים לך (ואתה נאה לשמך) שמורה על היה והוה ויהיה (ושמנו קראת בשמך) שנאמר נקראים ישראל ושני אותיות של סוף שמנו הוא שמך · ועוד התוכי הפלואי ראש וסוף של שמנו הוא שמך ועוד כי יו״ד ה״י במילוי הוא כמנין יהודי (עשה למען שמך) עשה עמנו חסד ומחול לעונותינו ואל תעשה בנו כליה ואז שמך יהיה קדוש · ואם ח״ו תעשה בנו כליה אתה מחלל שמך שיאמרו בוודאי אין גמול

בית לוי

שדעת (לא תחפוץ במות המת) כנוי לרשע על שם שבחייו קרוי מת (תחכה) ל׳ המתנה כמו יחכה ה׳ לחננכם (ישעי׳ ל׳ יח) (כחציר) ל׳ עשב כי תרגומו של חציר עשבא (תהלי׳ לז ב) (וכציץ) ל׳ פרח כמו כציץ השדה כן יציץ (תה׳ ק״ג טו) (נובל) ל׳ כמישה והוא ל״ה ואין נובל צבי תפארתו (ישעי׳ כח א):

זיין אונ ווער עס זאל גשטראפט ווערין מיט יסורים וועד עט זאל פר ארעמט ווערין אונ ווער עס זאל רייך ווערין ווער עס זאל אראפ אונ ווער עס זאל דר הויבן ווערין: ותשובה אונ די דריא זאכן תשובה אונ תפלה אונ צדקה זיינן מבטל די בייזע גזרה: כי כשמך דען אזוא וויא דיין נאמן איז דאס ער בטייט אויף מדת הרחמים וויל דו ביסט אבעל הרחמים דרום איז דיין לויב זייער גרויס · דו ביסט שווער צוא דער צארענן אונ ווען דו ווערשט ברוגז קאן מען דיך גיך מפייס זיין דען דו ווילשט ניט דר רשע זאל שטארבין נאר אז ער טוט תשובה לאסטו אים לעבין אונ ביז אין זיין טויט ווארשטו אים אז ער טוט תשובה בישטו זיין תשובה באלד מקבל אמת דאש איז אמת אז דוא טוסט דאש ווייל דוא בישט זייער באשעפר אונ דוא ווייסט זייער יצר הרע דען זיא זיינען בלוט אונ פלייש חדום ויערדין זיא:

אדם דער יסוד פון דעם מענטשין איז פון ערד אונ זיין סוף איז צוא דער ערד ער שטעלט זיין נפש איין אונ בריינגט זיך זיין פרנסה ער איז גליכן צוא איין צו בראכענעם שארבין אזו וויא גראז וואס ווערט פאר דארט אונ אזו וויא איין שפראצונג וואש ווערט פאר פולט אונ אזו וויא אשאטן וואש ער פאר גייט אונ אזו וויא אוואלקין וואש ווערט פאר לענדעט אונ אזו וויא אווינט וואש ווייעט אונ אזו וויא שטויב וואס פליהט אוועק אונ אזו ווי אחלום שוועבט אוועק אונ מען גיפינט אים ניט אזו אויך איז דר מענטש אויף דר וועלט: ואתה אל אבר דוא גאט ביסט אמלך וואס דו לעבשט אונ האשט אבשטאנד צוא אייבגי:

אין קצבה עש איז קיין גיזעץ צו דיינע יארין אונ עס איז קיין ענד צו דיא לייננ פון דיינע טעג אונ עס איז קיין מאס אונ קיין צאל צו די מלאכים וואס זיינן ארום דיין כסא הכבוד אונ עס איז ניט מעגליך צו בשיידן דש פאר הוילונג פון דיין נאמן שמך דיין נאמן איז שיין צוא דיר ניט אזו ווי אבשר ודם מען לויבט אים מיט אזעלכע שבחים ווש עס גיפינט זיך אין אים ניט דיא שבחים אבר דו גאט האסט נאך מער אין זיך שבחים וויא מען לויבט דיך אונ דו בישט שיין צו דיין נאמן דש דיין נאמן ווייזט דש דו ביסט (היה הוה ויהיה) אונ אונזר נאמן האשטו גירופן מיט דיין נאמן דען די סוף אותיות פון ישראל איז (אל) אונ אל איז טייטש גאט:

עשה טוא דאס פון דיין נאמען וועגן אונ פר גיב אונז אונזערע זינד אונ הייליג דיין נאמן אויף די וואש הייליגן דיין נאמן בעבור טוא דש פון

שמך הנערץ והנקדש כסוד שיח שרפי קדש · המקדישים שמך בקדש · דרי מעלה עם דרי מטה· קוראים ומשלשים בשלוש קדשה בקדש:

ככתוב על יד נביאך · וקרא זה אל זה ואמר: קדוש קדוש קדוש יהוה צבאות מלא כל הארץ כבודו: כבודו מלא עולם משרתיו שואלים זה לזה איה מקום כבודו · לעמתם ברוך יאמרו:

הפיוט הזה מיוסד על המרכבה ביחזקאל סי' א' ומיוסד ע"פ א"ב ובסוף חתום שם המחבר אליעזר

וחיות אשר הנה מרבעות כסא · במאתים וחמשים ושש מכניפות כסא · גועשות בו בסוכבם פנים בפנים לכסא · דמות רקיע בראשם נטוי לכסא · הוא כעין הקרח ובו שביב כסא · וממעל לרקיע כמראה דמות כסא · זעות בלי לאות מחיל כסא · חיון חשות ברצוא ושוב מרעישות כסא · טסות כבזק ולא מזיזות הוד כסא · יודעות כי כל מקום לא יכיל מקום כסא:

כף רגל חמש מאות וחמש עשרה ישרה לכסא · לעת תרשינה לפאר קופצות מתחת לכסא · מתעלפות מפחד רם יושב על כסא · נראות נושאות והם נשואות עם כסא · סבולות מתחת זרועות עולם לכסא · עתירת זו כתעל תרפינה כנף כסא · פשעים אם

בית לוי

(מכניפות) פעל נגזר מן כנפים (גועשות) ענין התעודד והתנועע כמו ותגעש ותרעש הארץ (תהלים יח ח) (בסוכבם) ל' סביב והבטה (כעין הקרח) שהוא כעין שלג הים (ב"ב ע"ד) והוא אבני שיש שהזכירו במסכת חגיגה (שביב כסא) כמ"ש כרסיה שביבין די נור (דניאל ז) (זעות) מזיעות כדאיתא בסדר"א פ"ד מזיעות פנים של חיות נהר של אש מושך כו' (לאות) ל' עמל ויגיעה מלשון הלאות אנשים (ישעיה ז ג) (מחיל) ל' רעש כתרגומו של חיל אחז רתיתא אחדינון (חשות) ל' מהירות מל' חש בו (ישעי' ח א) (טסות) ל' עפיפות · כי תרגום של יוגבן על ועוף יעופף (בראשית א כ) ועופא דפרים (כבזק) פרש"י כשלהבת הכבשן שיוצאת תמיד ומתפרת לחזור (יחזקאל א יד) (לא יכיל) לא יחזיק כמו אשר לא יכילו המים (ירמיה ב יג) (תרשינה) ל' רשות (קופצות) ל' דלוגה ומהירות כמו מקפץ על הגבעות (שה"ש ב ח) (מתעלפות) ל' חלשות הנפש מרוב הבהלה· כמו תתעלפנה הבתולות (עמוס ח) (סבולות) לשון טעינה משא כמו אסבול (ישעיה מו ד) (עתירה) לשון תפלה כמו ויעתר יצחק (בראשית כה כא) (זו) תואר לישראל עם"ש עם זו יצרתי לי (ישעי' מג כא) (כתעל) ל' רפואה

מטה לוי

ואין עוזב ומבלתי יכולת (דרי מעלה) המלאכים הגדולים במעלה (עם דרי מטה) הקטנים מהם במעלה וגדולה הקטן נוטל רשות מהגדול: (וחיות אשר הנה מרובעות כסא) כל מספר שבהן מרובע · ד' חיות ד' פנים ד' כנפים (במאתים וחמשים ושש מכניפות כסא) שהם מסוככים הכסא ברנ"ו כנפים (גועשות בו בסוכבם פנים בפנים לכסא) מהגודדות ומתנועעות בהביטם פנים בפנים לכסא מפני כבוד של מעלה שבכסא ואף שאינם מסתכלים בו מכל מקום רועשות וגועשות ממנו ועוד פליאה יותר גדולה שאף על פי שיש כמה מחיצות שמפסיקין ביניהם לכסא כי פניהם מכוסה בכנפיהם ועוד (דמות רקיע בראשם נטוי לכסא) על ראשם של חיות נטוי דמות רקיע (הוא כעין הקרח כו') (וממעל לרקיע) יש אבן ספיר (כמראה דמות כסא) הרי כמה מחיצות

מפסיקין אף על פי כן הם (זעות) נעות ומתפחדות ומזיעות (בלי לאות) ולא מתמת ליאות ועייפות רק (מחיל כסא) מפחד וחיל כסא (חשות ברצוא ושוב) ממהרות ורצות להוציא ראשיהם מתחת הרקיע הנטוי למעלה מהן וממהרות להשיב ראשן (מרעישות כסא) מרעש וממורא שיש להם מכבוד היושב על כסא (טסות כבזק) פורחות ומעופפות כשלהבת היוצא מפי הכבשן שיוצא וחוזר כהרף עין (ולא מזיזות הוד כסא) ממקומו וזו פליאה גדולה היא שאע"פ שהם טסות ורצות אין הכסא זז ממקומו כי הן (יודעות כי כל מקום) כי כל מלא העולם (לא יכיל מקום כסא) לא יחזיק ולא יסבול מקום כסא · שהוא מקומו של העולם ואין העולם מקומו· (כף רגל) של המלאכים (חמש מאות) ומן הארץ עד לרקיע מהלך חמש מאות שנה · ושבעה רקיעים ושבעה אוירים כל אחד מהלך ת"ק שנה · וכף רגלי החיות ג"כ מהלך ת"ק שנה · הרי חמש עשרה פעמים מהלך ת"ק כמנין (ישרה) ש"ל י"ה · י"ה פעמים ת"ק ומכוונת (לכסא· לעת תרשינה) כשניתן להם רשות (לפאר) לומר שירה (קופצות) דולגות ממהרות להוציא ראשיהן מתחת לכסא (מתעלפות) מתחלשות (מפחד רם כו' · נראות) כאילו הם (נושאות) את הכ"כ אשר עליהן אבל באמת (והם נשואות עם כסא) והם (סבולות מתחת וכו') נשואות מתחת זרועות עולם לא כמנהג ב"ו שסובל משאו על גבו אבל הקב"ה אינו כן אלא סובל את הכל מתחתיו (עתירת זו) הפלאן ישראל שנקראים עם זו (כתעל) כאשר תעלה לרקיע (תרפינה כנף כסא) אז הם מרפים ומורידים כנפים זה מזה כדי שתעלה תפלתם לכסא · בקשתנו מלפניך רבש"ע (פשעים אם עצמו ונתגברו יהיו

דיין היילגן נאמן ווען דר דא איז גשטארקט אונ גהייליגט אין סוד פון די רייד פון די ברענדיגע מלאכים וואש זיי היילגן דיין נאמן מיט היליקייט חד די אויבערשטע ציילן דאש זיינען די מלאכים מיט דיא אונטערשטע ציילן זאגין קדושה:

וחיות די חיות הקודש וואש זייא זיינן אויף דיא פיר זייטין פון דעם כסא הכבוד מיט זייערע צוויי הונדערט אונ זעקס אונ פופציג פליגלען זאמלן זיי זיך ארום דעם כסא הכבוד זיי שטורמן אין דר שטול חאטשע זיי דעקן צו זייער פנים כדי זיי זאלין ניט זעהן די שכינה האבן זיי פארט גרויש פחד פר דר שכינה וויש זיא רוט אויף דר שטול דמות איין גשטאלט פון איין הימל איז איבר זייערע קעפ אויס גצויגן אונטר דעם כסא הכבוד דר הימל האט איין גשטאלט פון אייז אונ אויף אים איז דר כסא הכבוד וואש פינקלט ווי פייער אונ איבר דעם הימל איז איין שיינר ספיר איין גשטאלט פון דעם כסא הכבוד זעות זיי שוויצן גיט מחמת וואש זיי מידין זיך איין נאר מחמת ציטערניש פון דעם כסא הכבוד שוויצין זיי חשות זיי אילן מיט לויפן הין אונ הער פון ווייגן דר שכינה וואש זיא איז אויף דר

שטול האבן זיי גרויש פחד טסות זיי שוועבן ווי די פונקן אונ פר וואגלען ניט דעם כסא הכבוד פון זיין ארט יודעות די חיות ווייסן דש די גאנצע וועלט איז ניט גינוג צו דער לייחן דש ארט פון דעם כסא הכבוד: כף רגל די באלן פון די פיס פון איטליכר חיה זיינן לאנג פופצעהען מאל פינף הונדערט אזו וויא די צאל פון דעם ווארט ישרה טרעפט אן אונ זייערע פיס זיינן גליך בייא דעם כסא הכבוד לעת צו דר צייט אז זיי נעמן רשות צו לויבין גאט שפרינגען זיי פון אונטר דעם כסא הכבוד צו זאגין שירה מתעלפות זיי דעקן זיך צו מחמת פחד פון גאט דער דא זיצט אויף דעם כסא הכבוד נראות עש ווייזט אויש דש זיי טראגן דעם כסא הכבוד אבר אין אמת ווערן זיי גיטראגן מיט דעם כסא הכבוד סבולות זיי ווערין גטראגן מיט דעם כסא הכבוד אונ מיט דר גאנצע וועלט וויש זיא איז פון אונטן אן גקניפט אין גאטש האנט עתירת אז דיא תפלה פון דיא ישראל גייט ארויף מאכן זיי שלאף אונ צו שיטן די פליגיל איינע פון דר אנדרע כדי די תפלה זאל קומן פר גאט ב"ה פשעים ווען די עבירות פון ישראל זיינן שטארק בהעפטן זייא זייערע פליגיל דש דר שטן זאל ניט קאנן

עצמו משיקות כסא · צורר כי יסטין יפרשז ענן כסא · קול שופר לעת יעל מאחז פני
כסא · רחמים יליין בעד רשומים בכסא · שופט אם ירצה משבת באולם הכסא · תבנית
תם יפן חקוקה בכסא · ארבע חיות נושאות ומנשאות עם כסא : חזן לבלתי לנבל למענו
כסא · עוד יפצה פה ויפגיע כסא · זכור ליושבי נטעים אשר עמך בכסא :
רחם מצוקים · אשר עליהם שמת הדום וכסא · ואז יתרעם הגלגל ויתרעש הכסא ·
ואופן לאופן וכרוב לכרוב וחיה לחיה לעמת כסא :

כבודו מלא עולם משרתיו שואלים זה לזה איה מקום כבודו · לעמתם ברוך יאמרו : קהל ברוך כבוד יהוה ממקומו :
ממקומו הוא יפן ברחמים ויחון עם המיחדים שמו ערב ובקר בכל יום תמיד פעמים באהבה שמע אומרים :

מוסף ע"פ תשר"ק ובסוף חתום שם המחבר אליעזר

ועמך תלואים בתשובה להתיחד · שני לבבות לך כאחד לאחד · רחץ בנקיון כפים
נשוא לב אחד · קול שופר כפוף כפוף לב אחד · ציון שופר פשוט פשוט לב אחד ·
פור ימים יצרו בם לבור אחד · עוברים בו להקביל פני יוצר אחד : חזן סמוכים בצדקת אב
היה אחד · נשענים בסבך יחיד ומיוחד · מבטחים בתם (נ"א בתם) וביושר אב אחד :

מטה לוי

(משיקות) ותוברות כנפיהם יחד לבל יעלו הפשעים אל כסא (צורר כי יסטין) כשיבא השטן לקטרג (יפרשז ענן כסא) יפרוש הענן סביב הכסא ולא יוכל לגשת אצל (קול שופר לעת יעל) יהא (מאחז) ומקרב את קול השופר (פני כסא) ועל ידי זה (רחמים יליין) יוכל להלין רחמים בעד ישראל שהם (רשומים בכסא · שופט אם ירצה משבת באולם הכסא) ואם ירצה השופט האמת שלא לשבת באולם הכסא שהוא כסא הדין (תבנית תם יפן) אז יפנה לראות בתבנית יעקב איש תם שהיא (חקוקה בכסא) ויתמלא רחמים על בניו (ארבע חיות) אשר הם נראים (נושאות ומנושאות) באמת (עם כסא) מתפללים הם (לבלתי לנבל) לישראל (למענו כסא) למען יעקב החקוק בכסא (עוד יפצה פה ויפגיע כסא) הכסא עצמו יפצה פה ויפגיע בעד ישראל ויאמר (זכור ליושבי נטעים כו') זכור לנשמות הצדיקים אשר בסיבה העומדת תחת הכסא · עוד יאמר הכסא (רחם מצוקים) רחם בזכות הצדיקים (אשר עליהם שמת הדום וכסא) אשר בשבילם בראת שמים וארץ ואז כשהחיות מתפללים (יתרעם הגלגל) גם הגלגלים שקבועים בם י"ב מזלות כנגד י"ב שבטים משבחים כולם להקב"ה בקול רעם וקול מהומה (ויתרעש הכסא) וגם הכסא מתרעש בקולו לשבח להש"י (ואופן) מצטרף (לאופן כו') ומבקשים רחמים (לעומת כסא) לעומת ישראל החקוקים בכסא: (ועמך תלואים בתשובה) רבש"ע כשעמך סמוכים לתשובה · בקשהו שתכין את לבבו (להתיחד שני לבבות לך) שיהיו שני היצרים יצ"ט ויצה"ר שוים כאחד לטוב (לאחד) לה' אחד (רחץ בנקיון כפים) ולרחוץ אותם שיהיו נקיים מן החטא (נשוא לב אחד) שישאו תשובה בכל לבם (קול שופר כפוף) בר"ה וביוה"כ של יובל שמצוה בכפופים משום לרמז (כפוף לב אחד) כמ"ש כמה דכייף איניש דעתיה טפי מעלי (ציון שופר פשוט) ובתענית שמצוה בפשוטין לרמז (פשוט לב אחד) כמ"ש כמה דפשט איניש דעתיה טפי מעלי (פור ימים יוצרו) בכל הימים שברא הקב"ה הפיל פור הוא הגורל (בם לבור אחד) לבור ולבחור בם יום אחד והוא יו"כ · וכל באי עולם (עוברים בו להקביל פני יוצר) שהוא (אחד) והם (סמוכים בצדקת אב היה אחד) אברהם שנאמר עליו אחד היה אברהם (יחזקאל לג) (נשענים בסבך) בעקדת יצחק שנאמר עליו (יחיד ומיוחד) כמ"ש את בנך את יחידך ומיוחד שבאחיו מישמעאל ובני קטורה (מובטחים בתום וביושר) בתמימות וביושרו של יעקב (אב אחד) לכל

בית לוי

(משיקות) לשון חבור והוא ל"ס משיקות אשה אל אחותה · מלי נשיקה כי כשנושקין זו לזו כאילו נושקות זו לזו (צורר) כנוי לשטן (יפרשז) עפ"ה פרשז עליו עננו והוא ל' פריסה (לבלתי לנבל למענו כסא) עפ"ה אל תנבל כסא כבודך (ירמיה יד כא) ופירש"י שם בשם המדרש אל תנבל ישראל החקוקים בכסא כבודך · ולנבל הוא ענין הורדה ושפלות · וטעם למענו למען ישראל או למען יעקב (ליושבי נטעים) אומר לנשמות הצדיקים והוא ל"ס (דה"א ד כג) (מצוקים) תואר לצדיקים עפ"ה כי לה' מצוקי ארץ (ש"א ב ח) (הדום וכסא) שמים וארץ: עפ"ה השמים כסאי והארץ הדום רגלי (ישעיה סו א') (יתרעם) לשון קול רעם (ויתרעש) לשון קול רעש: (ועמך תלואים) ל"ס (הושע יא ז) פי' תלואים סמוכים (להתיחד) ל' יחוד וחבור (רחץ) מקור כמו לרחוץ · וכן (נשוא) כמו לנשוא (פור) הוא הגורל (לבור) ל' ברירה (בסבך) כינוי לעקדת יצחק (אב אחד) תואר

קומן פר דעם כסא הכבוד מקטרג צוא זיין אויף די ישראל צורר אז
דר שטן קומט מקטרג צו זיין אויף דיא ישראל פר שפרייט גאט
אוואלקן ארום דעם כסא הכבוד דר שטן זאל ניט קאנען צו טרעטן
קול אין דער צייט אז דש קול פון שופר גייט אויף נעמט גאט אן דש
קול אונ ברייננגט עש פאר דעם כסא הכבוד כדי ער זאל ממליץ זיין
גוטש פר די ישראל בזכות די אבות וואש זיי זיינען גצייכנט אונ
אויש גיקריצט אין דעם כסא הכבוד שופט גאט וואש ער איז דר שופט
פון דר גאנצר וועלט אז ער וועט וועלין זיצין אין פאלאץ וואו דר
שטול פון מדת הדין שטייט בעטן מיר ער זאל זיך קערין אין דעם
גישטאלט פון יעקב וואש איז אויש גקריצט אין כסא הכבוד אונ זאל
זיך איבער אונז מרחם זיין פון זיין זכות וועגין ארבע דיא פיר חיות
הקודש וואש טראגן ווערין גיטראגן מיט דעם כסא הכבוד בעטן זיי פר
גאט ער זאל מוחל זיין די זינד פון ישראל ער זאל פון זיינט וועגין ניט
פר שעמן דעם כסא הכבוד עוד נאך מער דר כסא הכבוד אליין עפינט
זיין מויל אונ בעט פר די ישראל אונ זאגט ליבער גאט זכור גידיינק צוא
די צדיקים וואש דו האסט זיך מיט זיי מתיעץ גיוועזן צוא באשאפין דיא
וועלט וואש זיא זיינען גיוועזן מיט דיר ביא דעם כסא הכבוד :

רחם זיי זיך מרחם איבר דיא צדיקים וואש זיי זיינן דר יסוד פון דר
וועלט וואש דוא האשט אויף זייא בשאפן הימיל אונ ערד ואז
אונ דענסט מאל אז די חיות זיינן מתפלל שטורעמט דר גלגל וואש די
צוועלף מזלות זיינן אין אים אונ דר כסא הכבוד שטורעמט ואופן אונ
איין אופן צוא דעם אנדערין אונ איין כרוב צוא דעם אנדערין אונ
איין חיה צוא דר אנדרע דיא אלע מלאכים שטעלן זיך פר דעם כסא
הכבוד מתפלל צוא זיין פאר דיא ישראל :

ועמך אונ דיין פאלק ישראל ווען זיי קומן פר דיר מיט תשובה אלע אין
איינם בעטן מיר דיך רבש"ע דאש דר יצר הרע מיט דעם יצר טוב
זאלן פר גלייכט ווערין דיך גאט צו לויבן ווש דו בישט איינר: צו וואשן
די הענט מיט ריינקייט פון עבירות צו טראגין איין הארץ דאש איז חד
יצר טוב קול מען בלאזט דרום מיט איין קרומן שופר גאט זאל איין בייגן
דעם יצר הרע מיר זאלן אים דינען מיט דעם גאנצן הארצן ציון די צייטן
פון דעם הר סיני איז גוועזן אגלייכער שופר דאש האט באטייט דש די
האבן אלע איין הארץ גהאט מקבל צו זיין די תורה פור דר גורל פון דעם
בשעפעניש פון דר וועלט איז גפאלן אויף דעם טאג ראש השנה אונ דר
טאג איז אויש גקליבן גווארן פון אלע טעג מען זאל זיין אים תשובה [illegible]

[illegible]

לְהִזָּכֵר לָמוֹ עֲנִיַּת קוֹל אֶחָד • כְּשִׁבְתּוֹ בְּכִסֵּא שְׁפוֹט גּוֹי אֶחָד • יַעֲמִיד מֵלִיץ יוֹשֶׁר מִנִּי אֶלֶף אֶחָד • טוֹבוֹת לְהַגִּיד בַּשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד • חָשׁוּב גֵּר וְאֶזְרָח לְמִשְׁפָּט אֶחָד • זַךְ וָרַע מֵהַיּוֹם מוּדַע דִּינָם לְאֶחָד • וַאֲשֶׁר מַעֲשָׂיו שְׁקוּלִים עַד עָשׂוֹר יוּאֶחָד • הוּא כְּחָפֵץ לְהַצְדִּיק עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה יַחַד • דֶּלֶת פְּתוּחָה לַשָּׁבִים תֵּת צֳרִי לְכָל אֶחָד וְאֶחָד • גּוֹלֶה זְכוּת וָרֶשַׁע לְהַגִּישׁ אֶחָד בְּאֶחָד • בְּקוֹר חֶשְׁבּוֹן לִמְצוֹא אֶחָד לְאֶחָד: חזן אִם יַשְׁקִיט וּמִי יַרְשִׁיעַ לַהֲשִׁיבֵנוּ וְהוּא בְאֶחָד • אֱמֶת חוֹתָמוֹ לְהוֹדִיעַ כִּי הוּא אֶחָד • לְעֵת תָּמוּט וּכְכַל יַד עַם אֶחָד:
חזן עוֹד יִזְכּוֹר לָמוֹ מַטַּת שְׁכֶם אֶחָד • זֹאת הַמִּתְמֶדֶת שְׁמַע פֶּה אֶחָד • רוֹגֶשֶׁת נֶשֶׁף וָשַׁחַר לְיַחֵד לְאֶחָד:

חזן מִמְּקוֹמוֹ הוּא יִפֶן בְּרַחֲמִים וְיָחוֹן עַם הַמְיַחֲדִים שְׁמוֹ עֶרֶב וָבֹקֶר בְּכָל יוֹם תָּמִיד פַּעֲמַיִם בְּאַהֲבָה שְׁמַע אוֹמְרִים:
קהל שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יְהוָה אֶחָד: הוּא אֱלֹהֵינוּ הוּא אָבִינוּ הוּא מַלְכֵּנוּ הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ • וְהוּא יַשְׁמִיעֵנוּ בְּרַחֲמָיו שֵׁנִית לְעֵינֵי כָּל חָי לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים: אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם:

קהל: מיוסד ע"פ א"ת ב"ש
וְאַתָּה אֱזוֹן קוֹל מְפָאֲרֶיךָ בְּכָל אֵבְרֵיהֶם • תּוֹכֵן מִצְוֹת מַעֲשֵׂיהֶם • בְּמָאתַיִם וְאַרְבָּעִים

בית לוי

נועקד (ענית קול אחד) עש"ה ויענו כל העם וגו' (שמות כד ז) (גוי אחד) תואר לישראל הוא לש"ה (ש"ב ז כג) (בשביעי באחד) ר"ה שהוא בא' בתשרי (זך ורע) צדיק ורשע (הוא) הקב"ה (יואחד) יבא מיוחד (צרי) הוא שרף אילן ומיוחד לרפואה והוא לש"ה קחו צרי למכאובה (ירמיה נא ח) (גולה) מגלה (ישקיט) לשון שקט ושלום (וככל יד) עש"ה וככלות נפץ יד עם קדוש תכלינה כל אלה (דניאל יב ז) (מטת) ל' נטיה (שכם) ל' כתף כמו על שכם שניהם (בראשית ט' כג) (זאת) תואר לישראל עש"ה מי זאת עולה (ש"ה ח) (המתמדת) ל' תמיד (רוגשת) ל' נהלך ברגש (תהלים נה טו) (נשף) ערב (שחר) בקר: (אזון) ל' הקשבה והאזנה מלשון מי בכם יאזין זאת (ישעיה מב כג) (תוכן) לשון שכום ותשבון

מטה לוי

השבטים (להזכר למו ענית קול אחד) מובטחים הם ישראל שיזכור להם עניה שעשו אבותינו במ"ת קול אחד ואמרו כל הדברים אשר דבר ה' נעשה (כשבתו בכסא שפוט) את ישראל (גוי אחד) בארץ (יעמיד מלין יושר מני אלף אחד) כמאמרז"ל אפי' תתקצ"ט מקטרגי' ואחד מלמד זכות הקב"ה מקבלו (טובות להגיד) על האדם (בשביעי) בחודש השביעי (באחד) לחודש הוא ר"ה (חשוב גר ואזרח למשפט אחד) לפי מעשיהם הם נדונים כמ"ש תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר ולאזרח (במדבר טו יז) (זך ורע) צדיק גמור ורשע גמור (מהיום מודע דינם לאחד) לה' אחד זה לחיים וזה למות (ואשר מעשיו שקולים) שהוא בינוני (עד עשור יואחד) יואחד עצמו לצד אחד בכל עשרת ימי תשובה לשוב בתשובה עד יו"כ שהוא בעשור להודש ואם ישוב יהיה נכתב עם הצדיקים (הוא) השי"ת (כחפץ להצדיק) הרשע תקן וקבע (עשרת ימי תשובה יחד) שבהם (דלת פתוחה לשבים) אף ליחיד הבא לשוב (תת צרי) לתת להם צרי ומרפא לכל אחד ואחד (גולה זכות ורשע) הקב"ה מגלה זכות ורשע (להגיש אחד באחד) להגישן יחד זה לזה כדי לשוקלם בכף מאזנים (בקור חשבון) ומבקר חשבון (למצוא אחד לאחד) ע"י הצטרפות אחד לאחד למצוא חשבון (אם ישקיט) אם ירצה הש"י לזכות אחד בחסד ולהשקיטו בימי רעה (ומי ירשיע להשיבנו) ומי ימחה בידו וירשיעו ויאמר לו לא יפה דנת להשיב דינו (והוא באחד) והלא הוא אחד וכל אשר חפץ עשה ומי יאמר לו מה תעשה (אמת תותמו) כמאמרז"ל חותמו של הקב"ה אמת א' בראש אלפ"א בית"א מ' באמצע ת' בסוף כי הוא היה הוה ויהיה לכך חותמו אמת (להודיע כי הוא אחד) ואימתי יודע שהוא אחד (לעת תמוט וככל) כשימוטו וככלות יד ישראל שהם עם אחד ואפס עצור ועזוב אז יודע שהוא אחד: (עוד יזכור למו מטת שכם אחד) יזכור לישראל נטייתם לעבדו שכם אחד והוא (זאת המתמדת) ישראל הנקראים זאת עולה מן המדבר הם אומרים תמיד (שמע פה אחד) (רוגשת נשף ושחר) אומרים ק"ש בקבוץ המון ערב ובוקר (ליחד) בזה (לאחד) להקב"ה שהוא אחד: (ואתה אזון קול מפאריך) שמע קול ישראל המפארים אותך בכל אבריהם (תוכן) שכום ומנין מצות מעשיהם מצות עשה שבתורה שהם רמ"ח (במאתים כו') הם כנגד רמ"ח

עיברים זיי פארין איבר מקבל צו זיין דאש פנים פון גאט אין דעם טאג זיי פר לאזן זיך אויף דעם זכות פון אברהם וואש ער ווערט אן גרופן (אֶחָד) נשענים אויך פר לאזן זיי זיך אויף דעם זכות פון יצחק ווש ער איז גוועזין איין בן יחיד אונ מען האט אים גוואלט פר איין קרבן ברייגגן מובטחים אויך פר זיכערן זיי זיך אין דעם זכות פון יעקב וואש ער ווערט אן גרופן (איש תם) אונ אין זיין רעכט פארטיקייט וואש ער איז גיוועזין דער פאטער פון דיא צוועלף שבטים:

להזכר עש זאל צו זיי גדאכט ווערן וואש זיי האבין געענטפערט נעשה ונשמע מיט איין קול • אז ער וועט זיך זעצין אויף דער שטול צוא משפטין איין פאלק זאל ער מאבין אויף שטעלין פון צווישין טויזינט מלאכים איין מליץ יושר טובות ער זאל מלמד זכות זיין אויף די ישראל אין זיבענטין חודש דאש איז תשרי איין טאג אין חודש דאש איז ראש השנה חשוב דיא פרעמדע אונ היימישע האבין איין משפט • דער צדיק מיט דעם רשע ווערט פון היינטיגין טאג גיוואוסט זייער משפט צו גאט וואש פר איינר ער איז דר צדיק ווערט אין דעם טאג ראש השנה אן גישריבין לחיים אונ דער רשע למיתה ואשר אונ דער מענטש וואש זיינע מעשים זיינן גליך האלב מצות אונ האלב עבירות בלייבט זיין משפט שטיין בית יום כפור הוא ווייל גאט וויל דער מענטש זאל גירעכט בלייבין. האט ער דיא עשרת ימי תשובה דר צו גיאיינצינגט דלת אין די עשרת ימי תשובה איז דיא טיר אפין פאר דיא וואש ווילין תשובה טאן צוא געבין אהיילונג צוא איטליכין בזונדר מוחל צוא זיין זייערע עבירות גולה גאט ב"ה איז מגלה דיא מצות מיט דיא עבירות צוא גנעהנן זייא איינש צוא דעם אנדרין ער זאל זיי וועגין בקור גאט פארשט דעם חשבון פון דיא מצות אונ פון דיא עבירות דאש ער גיפינגט פון אביסיל ווערט אגרוישר חשבון אם אז גאט וויל איינעם גוטש טאן אונ ווער קאן זיך שלעכט מאבין קעגין אים ער זאל אים דער פון אפ ווענדין דען ער איז איין איינציגער גאט אמת זיין חותם איז אמת להודיע צו לאזין וויסין אז ער איז איינר צוא דר צייט אז עם וועט גליצין אונ אז עם וועט זיך אויש לאזין דיא האנט פון פאלק ישראל:

עוד יזכר נאך זאל ער צו זייא גדיינקן דאש נייגונג וואש זייא האבין זיך אלע אין איין טייל גינייגט מקבל צוא זיין דעם עול פון גאט ב"ה אונ האבין גיזאגט נעשה ונשמע זאת די ישראל וואש זייא זאגין תמיד שמע ישראל זייא היילין אבינט אונ מאתין צוא איינציגן גאט וואש ער איז איינציג:

